**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/7/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 10 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג איז געווארן גרייט געמאכט אין רונדע דריי פון 40 מיליאן דאלערדיגע אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט

***פארמעסט פירט פאראויס קארבאן נייטראלע מולטי-פאמיליע געביידעס אין ניו יארק סטעיט מיט אנהייב פאזע סטיליזירונג שטיצע צוגעלייגט פאר פלאנירונג מאנשאפטן און בויער***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציל צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן 10 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג איז גרייט אויף צו באקומען אונטער רונדע דריי פון די 40 מיליאן דאלערדיגע אויסגעצייכנטע געביידעס סטיליזירונג פארמעסט, וועלכע צילט צו ליפערן קארבאן נייטראלע מולטי-פאמיליע געביידעס פאר ניו יארק סטעיט. רונדע דריי גיבט צו א נייע שטאנדטייל צום פארמעסט, פינאנצירן אנהייב פאזע שטיצע פאר פלאנירונג מאנשאפטן און בויער צו פארזיכערן די מערסט קאסט-גינציגע לייזונגען זענען איינגעפלאכטן אין פראיעקטן פון אנהויב אן אויף צו בויען געזונטערע און מער באקוועמע מולטי-פאמיליע געביידעס. די אייגנארטיגע פארמעסט פירט פאראויס גאווערנער האוקול׳ס נייע ציל צו עררייכן צוויי מיליאן קלימאט-גינציגע שטובער ביז 2030 און שטיצט דער סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציל צו רעדוצירן גרינהויז גאז עמיסיעס 85 פראצענט ביז 2050 אויפ׳ן וועג צו קארבאן נייטראלע געביידע זאפאסן.

״ניו יארק פירט דער וועג צו ליפערן ריינע, זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג פאר צוקונפטיגע דורות,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״שטיצן קלימאט-גינציגע נייע קאנסטרוקציע טראנספארמירט וויאזוי די געביידע אינדוסטריע אידענטיפיצירט און פירט איין קלימאט לייזונגען און אונז העלפן ליפערן ממשות׳דיגע רעזולטאטן אזוי ווי מיר ציען זיך אריבער צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע און אדרעסירן די אויפשטייגנדע ווירקונגען פון אונזער ענדערנדע קלימאט.״

די אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA), און מיט די היינטיגע אויסמעלדונג, ווערן אנגענומען פארשלאגן פאר אנהייב פאזע אויספלאנירונג פראיעקטן וועלכע וועלן איינגלידערן קארבאן נייטראלע אייגנשאפטן אין בעפאר-פלענער און פלענער סטיליזירונג פאזעס, און קאנסטרוקציע און פארענדיגונג פון אויסגעצייכנטע קארבאן נייטראלע מולטי-פאמיליע געביידעס. אין שטיצע פון דעם קלימאט געזעץ׳ס ציל צו פארזיכערן אז וויינינגסטנס 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען צו שטיצן קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, ווערט וויינינגסטנס האלב פון די פינאנצירונג דורך דער דריטער רונדע פון דער פארמעסט געצילט פאר פראיעקטן וואס שטיצן נידעריג צו מיטלמעסיג-פארדינענדע איינוואוינער.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״NYSERDA פריידט זיך אנצוהייבן דער דריטער רונדע פון די אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט אויף צו שטיצן גאווערנער האוקול׳ס ציל צו ערגרייכן צוויי מיליאן קלימאט-גינציגע שטובער ביז 2030. דער פראגראם איז דער ערשטער פון איר סארט אין דעם לאנד, טרייבנדיג אינאווירנדע, פאראויס-דענקנדע פראיעקטן וועלכע פירן פאראויס איבערמאך-פעאיגע און קאסט-גינציגע קארבאן נייטראלע קאנסטרוקציע וועלכע עס שטעלט צו געזונטע לעבן און ארבעט ערטער פאר אלע ניו יארקער.״

**סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** ״קאמיוניטי אויפלעבונג, קלימאט ענדערונג און צוגענגליכע האָוזינג ארבעט האנט ביי האנט צו שאפן שטאנדהאפטיגע און גלייכבארעכטיגטע קאמיוניטיס און דער דעפארטמענט אָוו סטעיט, דורך איר אויפלעבונג פראגראמען, איז שטאלץ צו ארבעטן ניו יארק סטעיט דורך שטיצן נייע געביידע קאנסטרוקציע וואס איז קארבאן נייטראל פאר א געזונטע און ענערגיע-שפארזאמע ענווייראָנמענט. מיר ארבעטן נאענט מיט די אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט צו שטיצן נויטיגע קלימאט לייזונגען צו שאפן ווערדפולע קאמיוניטי פארמעגנס פאר פילע קומענדיגע דורות.״

דער אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט, אנגעהויבן אין 2019, שטעלט צו פינאנציעלע באלוינונגען און אנערקענונג פאר׳ן אויספלאנירן, בויען, און אפערירן ווידערשטאנד-פעאיגע קלימאט-גינציגע געביידעס וועלכע זענען געזונט און ענערגיע-שפארזאמע וואוינונג אומשטענדן וועלכע טוען אנבאטן פאראויסזעענדע איינקונפט און הוצאות. מיט די שטיצע פון אינדוסטריע עקספערטן טוט דער פארמעסט רעוואלוציאניזירן די נייע קאנסטרוקציע און צוגעפאסטע איבערניץ פון מולטי-פאמיליע האָוזינג און קאמערציעלע ערטער דורך ווייזן אז קארבאן נייטראלע געביידעס קענען געבויט ווערן קאסט-פארמעסטעריש אין פארגלייך צו טראדיציאנעלע פאסיל-ברענשטאף באקרעפטיגטע וואוין-ערטער.

פארשלאגן וועלן אנגענומען ווערן ביז דינסטאג, יולי 12, 2022 ביז 3:00 נאכמיטאג פאר דער אויספלאנירונג שטאנדטייל און דאנערשטאג, יולי 14, 2022 ביז 3:00 נאכמיטאג פאר דעמאנסטראציע פראיעקטן. פאר מער אינפארמאציע אויף דער פינאנצירונג געלעגנהייט, ביטע באזוכט NYSERDA׳ס וועבזייטל.

**הויפט מיסיע באאמטער פון דעם אסטמא און אלערגיע פאנדעישען פון אמעריקע מעלאני קארווער האט געזאגט,** ״דער אסטמא און אלערגיע פאנדעישען פון אמעריקע (AAFA) איז דאנקבאר פאר די ארבעט וואס ניו יארק לייגט אריין אויף צו מאכן דירות געזונטער און זיכערער פאר מענטשן אפעקטירט דורך אסטמא און אלערגיעס, דורך פארבעסערן אינעווייניגע ענווייראָנמענטס און אוועקנעמען עמיסיע-ארויסלאזנדע עפלייענסעס אינעווייניג אין די וואוין-ערטער. דאס מאכן האָוזינג גרייט צו באקומען וועט פארבעסערן די לעבנס פון פאמיליעס אין ניו יארק סטעיט און איך האף עס וועט פארבעסערן געזונטהייט תוצאות פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען אומפראפארציאנעל אפעקטירט דורך אסטמא און אלערגיעס.״

**AIA ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט דזשאורדזשי ען בעילי האט געזאגט,** ״עס איז קריטיש-וויכטיג אז ארכיטעקטן ווערן געגעבן א זיץ ביים טיש פאר דיסקוסיעס ארום קלימאט אקציע. איך אפלאדיר NYSERDA פאר זייער שאפן אן איינס-פון-איר-סארטיגע און אויסערגעוויינליכע סוקסעספולע פארמעסט וואס גיבט ארכיטעקטן די מעגליכקייט אנצווענדן זייערע פראבלעם לייזונג פעאיגקייטן און קענטעניס צו לייזונגען וועלכע געבן א בעסערע פלאץ פאר יעדן צו וואוינען און גלייכצייטיג אפהיטן דער סביבה.״

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ארכיטעקטור ליעגע פון ניו יארק ראזאלי דזשענעווורא האט געזאגט,** ״NYSERDA׳ס אויסגעצייכנטע געביידעס פראגראם העלפט פירן דעם וועג צו ניו יארק׳ס צוקונפט פון ווידערשטאנד-פעאיגע, קארבאן נייטראלע און נידעריגע קארבאן שטובער. די ארכיטעקטורעלע ליעגע

שטאלצירט זיך צו ארבעטן מיט NYSERDA צו מאכן אלגעמיינע סטיליזירונג קוואליטעט — אריינגערעכנט אינטעגראלע באהעפטונג מיט געביידע ערטער, שטארקע באהעפטונגען צו קאמיוניטי פארמעגנס און פובליק טראנספארטאציע, און א שטארקע דגוש אויף געזונטהייט, באקוועמליכקייט און אן אעסטעטישע פארגעניגן — א העכסט-נייטיגע טייל פון אפשאצן אויסגעצייכנטע געביידע פראיעקטן.״

**׳בילדינג ענערדזשי עקסטשעינדזש׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריטשערד יענסי האט געזאגט,** ״דער אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט פלאנירט אויס דעם מהלך צו א געזונטע, צוגענגליכע און קארבאן נייטראלע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער, צייגנדיג אז די אמביציעזע צילן, אוועקגעשטעלט דורך גאווערנער האוקול׳ס קלימאט געזעץ און קלימאט גינציגע שטובער איניציאטיוו, זענען סיי מעגליך און אויך העכסט-נויטיג. ׳בילדינג ענערדזשי עקסטשעינדזש׳ פריידט זיך שטארק צו שפילן אן אקטיווער ראלע אין דער פארמעסט׳ס דריטער רונדע, ארויסהייבנדיג אויסגעטיילטע פראיעקטן, פארעפנטליכן דאס וואס מען האט זיך געלערנט, און באהעפטן געביידע אינדוסטריע סטעיקהאָלדער צו די ווירקזאמע, פינאנציעל אויספירליכע לייזונגען.״

**גרונדער פון ׳פאסיוו האָוז אקסעלערעיטאר׳ מייקל אינגווי האט געזאגט,** ״דער אויסגעצייכנטע געביידעס רונדע איינס און רונדע צוויי פרייז געווינער זענען ווירקליכע מייסטערהאפטע געביידעס. די אויספלאנירונג און אינזשינערונג מאנשאפטן באשעפטיגט אין דעם NYSERDA פראגראם זענען פיל מאל געווען פיגורירנדע געסט אין אונזערע פראגראממען, צושטעלנדיג די ׳פאסיוו האָוז אקסעלערעיטאר׳ קאמיוניטי מיט ווערדפולע אנאליזן און העלפן ציען פאראויס די סטיליזירונג און קאנסטרוקציע קאמיוניטיס צו א קארבאן נייטראלע צוקונפט. די ווירקליכע, ״קאנצעפט באוויין״ געביידעס וועלכע ווערן געשטיצט און אפירגעברענגט דורך דער אויסגעצייכנטע געביידעס פראגראם פארשנעלערן דאס בויען דע-קארבאניזאציע אין ניו יארק און ווייטער ארום.״

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער צו מאכט צוטריט צו ריינע ענערגיע האָוזינג א פריאריטעט פאר אלע ניו יארקער עס איז וויכטיג אז מיר רעכענען אריין סטעיקהאָלדער פון אלע ריכטונגען, אריינגערעכנט די ארכיטעקטן. איך אפלאדיר NYSERDA פאר ארבעטן פלייסיג צו באזארגן אינאווירנדע וועגן צו באשעפטיגן סטעיקהאָלדער. דער אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט וועט זיין א הויפט שטאנדטייל אונז צו העלפן עררייכן אונזערע ריינע ענערגיע צילן.״

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל קוסיק האט געזאגט,** ״די געביידעס פונ׳ם אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט איז געווען א גרויסער מיטל אין רעדוצירן אונזערע געביידע עמיסיעס. די דריטע רונדע פון דער פארמעסט וועט בויען אויף די סוקסעס פון דעם פראגראם און וועט שטיצן די אנגייענדע דע-קארבאניזאציע פון אונזער סטעיט׳ס געביידע אינפראסטרוקטור וועלכע עס בלייבט א העכסט-נייטיגע שטאנדטייל פון דערגרייכן אונזער סטעיט-ברייטע עמיסיעס רעדוקציע צילן.״

**אסעמבלי-מיטגליד סטיווען צימבראוויץ האט געזאגט,** ״עררייכן דעם ציל פון שאפן און אפהיטן נידעריגע קארבאן, ענערגיע-שפארזאמע צוגענגליכע האָוזינג אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט פאדערט דאס אנטיילנעמען פון בויער און ארכיטעקטן וועלכע זענען אנטשלאסן צו געפונען אינאווירנדע און מעסיגע-קאסט לייזונגען. איך קוק ארויס אויף צו זען וואס רונדע 3 פון דעם פארמעסט וועט פראדוצירן, און עס פריידט מיך איבערהויפט אז ווייניגסטנס האלב פון די געלטער אין דער רונדע וועט צילן פראיעקטן וואס שטיצן אונזער סטעיט׳ס נידעריג ביז מיטלמעסיגע-איינקונפט איינוואוינער.״

דער אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט שטעלט צום ערשט האָוזינג און ענערגיע צוגענגליכקייט, יושר'דיגקייט און דינען קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן און דאונטאון אויפלעבונג. איבער פערציג נייע קאנסטרוקציע און צוגעפאסטע איבערניץ פראיעקטן זענען אויסגעטיילט געווארן אין די ערשטע צוויי רונדעס פון דעם פארמעסט — און איבער צוויי דריטלען פון די הויך-פונקציאנירנדע נייע קאנסטרוקציע

געביידעס סערווירן צוגענגליכע האָוזינג מאַרקעטס. אין צוגאב איז דאטא איינגעזאמלט פון פריערדיגע אויסטיילונג באקומער מיטגעטיילט געווארן מיט און געניצט דורך פאליסי-שאפער, אריינגערעכנט דער קלימאט אקציע קאונסיל, און דער NYC קאונסיל, צו העלפן אינפארמירן ענטשיידונגען און ציגן אז קארבאן נייטראלע קאנסטרוקציע איז טעכניש און פינאנציעל שטאנדהאפטיג.

געביידעס זענען די גרעסטע קוואל פון גרינהויז גאז עמיסיעס אין ניו יארק סטעיט, פאראנטווארטליך פאר 43 פראצענט פון יערליכע עמיסיעס איבער'ן סטעיט. אינטעגרירן ענערגיע עפעקטיווקייט און עלעקטריזירונג מאסנאמען אין סיי נייע און סיי עקזיסטירנדע געביידעס וועלן רעדוצירן קארבאן פארפעסטונג און העלפן דעגרייכן מער שטאנדהאפטיגע, געזונטע, און באקוועמע געביידעס אין שטיצן די סטעיט'ס אמביציעזע ציל צו גרייכן 2 מיליאן קלימאט-גינציגע וואוינונגען ביז 2030. דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראמען, ווערט איבער 6.8 דאלער אינוועסטירט צו דע-קארבאניזירן געביידעס צו דערגרייכן דעם סטעיט'ס דע-קארבאניזאציע צילן. דורך פארבעסערן ענערגיע שפארזאמקייט אין געביידעס און אריינשטעלן אויפן-ארטיגע סטאָרעדזש, באנייבארע ענערגיע מיטלען, און עלעקטרישע אויטא טשאַרדזשינג אויסריכטונגען, וועט די סטעיט רעדוצירן קארבאן פארפעסטונג און וויטער ארבעטן אויף'ן אמביציעזן ציל צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU ביז 2025, גענוג אויף צוצושטעלן עלעקטריציטעט פאר 1.8 מיליאן שטובער. ענערגיע שפארזאמקייט שטעלט צו 75 פראצענט פון די ריינע ענערגיע דזשאָבס לענגאויס ניו יארק.

פינאנצירונג פאר דעם פראגראם קומט דורך דער סטעיט'ס 6 ביליאן דאלערדיגע ריינע ענערגיע פאָנד און איז א טייל פון NYSERDA'ס איבער 150 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין נייע קאנסטרוקציע און גאָט-ריהעב פראיעקטן אין די מולטי-פאמיליע געביידע סעקטאר אריינגערעכנט מארקעט-ראטע און נידעריגע ביז מיטלמעסיגע-איינקונפט. מער אינפארמאציע איבער דעם פארמעסט, און די פינאנצירונג גרייט געמאכט דורכדעם, קען מען געפונען אויף [NYSERDA'ס וועבזייטל](#).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אקט**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט וויטער אונטערהייבן א 'גרינע עקאנאמיע' אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט'ן אריינשטעלן אין געזעץ דער 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט' האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו דערגרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז'ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז'ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 33 ביליאן דאלער אין 102 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY 'גרינע באנק' פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז'ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט'ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט'ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן